פון דעם אייגענעם פארפאסער
איז ביז איצט ערשינען:

בורשטינענע שיסלען

:-: פאָעזיע :-: $1.50

מיט פרץ'ן

בלעטלעך זכרונות .50

---

אינגיכען ערשיינט:

א דערטרונקענער

: פּאָעמאַטישע דערצעהלונג :

די גאָלדענע שלאנג

אַ פאַנטאַסטיש שפּיעל
אין פיער אַקטען




פארלאג „ווערבע"
ניו יאָרק

Copyright 1923
by MARK SCHWEID

מיט פּרץ'ן

# אַ פרימאָרגען.

אין יוני אָדער יולי איז עס געווען, אין וואַרשע.

אַן אַנגענעמע, ליעבע פּליכט האָט מיך אויפגעוועקט ארום זעקס אין דער פריה. איך האָב מיך האַסטיג אָנגעטאָן און בין מיט אַ פריש בלימעל אין לאַץ, אַוועק צו פּרץ׳ן. ווען איך האָב שוין געהאַט פאַרבייגעגאַנגען דאָס קאַזארמע־טעאַטער אויפ׳ן ראָג גרזשיבאָווסקע און טשעפּלע, האָט דאָס פאַבריק־פּייפעל פון דער ברויערייי, וואָס איז געווען אַנטקעגען פּרץ׳ס פענסטער, געפייפט זיבען. און ביי זיין טיר האָב איך אָנגעקלונגען צוויי אָדער דריי מינוט נאָך זיבען.

געעפענט האָט מיר די אַלטע קריסטין און מיט אַ פאַרזיכטיגער וואָרעניש מיר שעפּטשענדיג געזאָגט, אַז דער הערר שלאָפט נאָך.

— איך ווייס, אַז ער שלאָפט נאָך, איך ווייס — האָב איך איהר רוהיג געענטפערט און אויפגעהאָנגען מיין היטעל אין פאָדערצימער. — איך וועל איהם אויפוועקען.

ווייל אַזוי האָבען מיר געהאַט אָפּגערעדט.

נאָכדעם ווי איך האָב אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון זיין ארבעטס־צימער, האָב איך פון אינווענינג געהערט זיין קול אויסרופען מיין נאָמען מיט אַ פראַגע־צייכען. אָנשטאַט אַן ענטפער האָב איך אראָפּגעדריקט די קליאַמקע און בין אריין אין צימער.

אַ ליילאַך, אַ קישען, אַ קאָלדרע אויף דער קאַנאַפּע און ער אויפ׳ן געלעגער. ווייטער האָב איך ווייניג וואָס געקענט זעהן

אין שטוב, ווייל זיינע אויגן, כאַטש פון שלאָף נאָך האַלב־פאַרמאַכטע, האָבן אויף מיר א בליץ געטאָן.

— ווי שפּעט איז?

און איידער איך קען נאָך א וואָרט אויסרעדן:

— מען שרייבט נישט היינט. ס'האָט שוין געפּייפט זיבן. זיבן האָב איך געזאָגט. זיבן, זיבן.

זאָג איך מיט פאַרדרוס:.

— בנאמנות, ס'איז איינגאַנצען צוויי אָדער דריי מינוט נאָך זיבן. ס'האָט דאָך נאָר־וואָס געפּייפט. א שעה אַנדערהאַלבן קען מען נאָך אודאי שרייבן.

— מען שרייבט נישט היינט, האָב איך געזאָגט. איך וויל נישט. איך וויל נישט.

און האָט, דאַכט זיך, דערביי קאַפּריזנע מיט די פיס אונטער דער קאָלדרע געדריגעט. און אַריבערציהענדיג די קאָלדרע שיר נישט איבער'ן קאָפּ, האָט ער זיך צוריק איינגענורעט אין געלעגער. שטעה איך ווי צוטומעלט און זאָג:

—נאָכמיטאָג?

שרייט ער אין קישען אריין.

— ניין.

— ווען־זשע?

גיט ער זיך א ריס און שרייט אויף מיר אָן:

— מאָרגען, מאָרגען, מאָרגען, מאָרגען! איך וויל שלאָפען. א גוטען טאָג! — און ער נורעט זיך איין.

שטילינקערהייט האָט זיך געעפענט די צווייטע טיר און די שלאַנקע, רוהיגע מאַדאַם פּרץ איז דורכגעגאַנגען אין איהר פּעניואַר, מיט איהר פיינעם שמייכעל מיך שטום באַגריסט און מיט דער זעלבער שטילקייט אַרויסגעגאַנגען אין פאָדערצימער און

פארמאכט די טיר. שטיל אריין, שטיל ארוים. קיין וואָרט נישט. נישט איהר דאגה וואָס צווישען מיר און איהם קומט פאָר.

איך בין נאָך א ווייל געשטאנען הילפלאָז און פארלעגען און נישט געהאַט קיין אנדערע ברירה ווי אוועקצוגעהן שטילער ווי איך בין געקומען. ווען איך האָב שוין פארמאכט די לעצטע טיר אויף דער דרויסענדיגער זייט, האָט א מאָדנע, יוגענדליכע פרייד געקוואָלען אין מיר און אין דער אייגענער צייט האָט מיך א פאַרדרוס שווער געפייניגט.

די פרייד איז געווען:

„נישט צו פריץ'ן בין איך געקומען, נאָר צו א יונגערען חבר מיינעם און האָב איהם געטראָפען נאָך אין בעטיל. ציה איך פון איהם די קאָלדרע און טענה: גיב נאָר א קוק, יונג, אין פענסטער — א הערליכער טאָג עס איז. יופּיטער האָט שוין דעם זאַקסישען גאָרטען אויסגעשפּריצט און אלע גריכישע געטינס וואַרטען אויף דיר אין דער ליטעראַרישער אלעע. ווענוס און שולמית האָבען זיך געבטען געקויפט צוויי פיינע אבאַזשור־בלוזקעס אויף מאַר־שאַלקאָווסקע גאַס. זיי קומען באלד אהער און מיר וועלען מוזען מיט זיי געהן אויף מאַיאָווקע. שטעה שוין אויף."

ציהט ער, דער יונג, די קאָלדרע איבער'ן קאָפּ און מרוקעט:

— לאָז מיך שלאָפען...

כאַפּ איך דאָס בלימעל פון מיין לאָץ און שלאָג איהם איבער'ן פנים: שטעה אויף, שטעה אויף, שטעה אויף...

דרינעט ער מיט די פיס און שרייט: מאָרגען, מאָרגען, מאָרגען, מאָרגען...

און, אז איך קען מיר מיט איהם קיין עצה נישט געבען, לאָז איך איהם איבער א צעטיל אויף דער קאָלדרע, אז אויב ער וועט זיך אזוי פיהרען, וועט פון איהם אין גיכען ווערען אן אָבלאָמאָוו,

און, אז זעהען וועלען מיר זיך שוין נישט פריהער ווי שבת ביי טאָג ביי פּרץ'ס לעקציע אין דער פילהארמאָניע.״

דער פּאַרדרוס איז געווען:

„איך האָב איהם געשטערט. דורך מיר האָט ער היינט נישט געשריבען. ווער ווייסט — האָב איך געטראַכט — וואָס פאַר א צויבער־מעשה ער האָט מיר געוואָלט דערצעהלען, אז איך זאָל זי גלייך פון זיין מויל אויפשרייבען, — ווי איך פלעג עס מאָן אין יענער צייט. — די פאָלקסטימליכע געשיכטען האָבען זיך דאַמאָלס אָן א זיידענער רייהע געשפּונען אין זיין קאָפּ. — ווי האָב איך מיר גענומען דאָס פאַרדאַמטע רעכט צו פאַרשפּעטיגען אויף גאַנצע צוויי מינוט!״

איך האָב ביז דאַמאָלס אין מיין לעבען אזוי טיעף נישט באַגריפען די וויכטיגקייט פון צוויי מינוט צייט. איך בין געגאַנגען אין גאַס און געשעהמט זיך פאַר איהם, פאַר די פאַרבייגעהערס, פאַר זיך אליין. איך האָב באַשלאָסען א זייגער צוועלף אריינצוגעהן אין דער גמינע זיך זעהען מיט איהם, פאַרענטפערען זיך און בעטען ענטשולדיגונג. — צוועלף א זייגער — האָב איך געטראַכט — וועט איהם שוין דער כעס האָבען אביסעל איבערגעגאַנגען, פריהער נישט.

נאָך האַלבען טאָג בין איך מיט א קלאַפּענדיג האַרץ אריין צו'ן איהם אין דער גמינע. דאָרט איז גראָד געווען א שטילער טאָג און ער איז געזעסען ביי זיין טיש, דעם קאָפּ אויףביידע הענט אָנגעשפּאַרט, פאַרטיעפט אין לעזען. דאָס בוך איז געווען פריעדריך העבעל'ס טראַגעדיע „הורדוס און מרים״ אין אָריגינאַל. איך האָב איהם אויפגעוועקט פון לעזען מיט א שטילער באַגריסונג. ער האָט זיך האַסטיג א הויב געטאָן פון זיין אָרט און מיך באַגעגענט מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט און א לאַכענדיג פּנים. דאָס איז פאַר מיר געווען אזוי אומערוואַרט, אז איך בין געבליבען

שטעהן אַ פאַרשעהמטער און נישט געקענט זיך אפילו פאַר־ענטפערען. ער האָט מיר מיט זיין בליציגען שמייכעל פּשוט דאָס לשון צוגענומען, ווי ער פלעגט עס אָפט טאָן, נישט נאָר מיר אליין.

ער האָט מיך אָבער באַלד ארויסגענומען פון דער פאַרלעגענ־הייט, דערמיט וואָס ער האָט זיך אָנגערופען צו מיר, ווי אַ בחור צום צווייטען:

— נאַר, וואָס האָט איהר געמאַכט אַ זויער פּנים? איך האָב שרעקליך געוואָלט שלאָפען. געלעגט זיך דריי אַ זייגער. געוועזן מיט דער חברה אין די אַלעען, ביז׳ן בעלוועדער אוועק.

און ווי אַ קינד, וואָס זאָגט צו דעם טאַטען, אַז עס וועט שוין מעהר נישט מאַכען קיין קאַזשעלעקעס אויפ׳ן בעט, האָט ער מיר געקוקט גלייך אין פּנים אריין און געהאַלטען מיין אָרעם מיט זיינעביידע הענט:

— היינט געה איך שוין פריה שלאָפען. ס׳וועט שפּעטליך אין אָוונט, טרייב איך ארויס די חברה פון שטוב. מאָרגען אין דער פריה — באַשטימט!

דערמיט האָט ער ביי מיר אוועקגענומען דעם פאַרדאַכט, אַז ער איז אין כעס אויף מיר פאַר די פאַרשפּעטיגטע צוויי מינוט. ער האָט אָבער באַלד צוגעגעבען:

— נאָר פאַרשפּעטיגען דאַרף מען נישט. זיבען איז זיבען.

און ארומשפּאַצירענדיג מיט גענוג שנעלע טריט הין און צוריק איבער דעם גרויסען וואַרטזאַל פון דער גמינע, האָב איך איהם באַדאַרפט דערצעהלען אַלע וויכטיגע ליטעראַרישע נייעסען, וואָס האָבען נאָך צו זיינע אויערען נישט דערגרייכט.

טייל האָט ער גענומען ערנסט, פאַראינטערעסירט זיך מיט זיי, געוואָלט דערגעהן איינצעלהייטען. איבער אַנדערע האָט ער

געשמייכעלט, געלאַכט אָדער מיט אַ וואָרט צוויי זיי מבטל געמאַכט.

אַש מיט ווייסענבערג'ן האָבן זיך געלאָזט צופוס איבער'ן לאַנד, — צו זענען זיי שוין דאָ צוריק אין װאַרשע. קאַווא, דער יונגער קריטיקער האָט אַרויסגעלאָזט אַ פּאַמפּלעט, באַטיטעלט „די יודישע פּרעסע ביי יאַצקאַן־האָכבערג אין די הענט", — צי האָט עס אַ ווירקונג. אַ. ווייטער פאָהרט אַרום איבער רוסלאַנד זאַמלען געלט פאַר אַ אידיש קינסטלעריש טעאַטער, ער האָט לעצטענס געהערט, ער איז אין קיעוו און האָט שוין זיבען טויזענט רובעל, — צי זאַמעלט ער מעהרער, צי געווינט ער אָנהענגער. אין פּוילישען זומער־טעאַטער שפּילט מען אַש'ס „משיח'ס צייטען" — צי האָט עס ערפאָלג. און צעהנדליגער עהנליכע פראַגען, אויף וועלכע איך האָב מעהרסטענטיילס געקענט געבען אַ קלאָרען ענטפער. ווייל געוואוסט האָט ער, אַז די יונגע לייט, וואָס רינגלען איהם אַרום, זענען נישט נאָר פּאַראינטערעסירט מיט די זאַכען, נאָר זיי לעבען מיט זיי און ווייסען יעדע איינ־צעלהייט.

— איצט אַ גוטען טאָג, שווייד, און קומט אַריין דריי אַ זייגער, וועלען מיר צוזאַמען געהן צו קראַטקע'ן אין סטודיאָ.

איך קוק איהם נאָך, ווי ער געהט מיט זיינע לעבעדיגע טריט אַריין צו זיך אין קאַנצעלאַריע, דערנאָך זעה איך ווי ער זעצט זיך צוריק ביי זיין טיש. דאָס מאָל נישט צו „הורדוס און מרים", נאָר צו אַ פּאַק מיט פּאַפּירען, וועלכע אַ באַאַמטער האָט איהם דערלאַנגט מיט אַ קורצער ערקלערונג. ער נעמט זיך מישען, בלעטערען, מאַכען צייכענס מיט בלאָהע בלייפעדער, אונטערשריי־בען, איבערלעגען, פרעגען עפּעס ביי אַ צווייטען טיש, ביז אַ פּאַרוויינטע אידענע מיט אַ בלאָנדען יונגענמאַן, וועלכער זעהט אויך אויס פּאַרוויינט שטעלען זיך אַוועק ביי זיין פענסטערעל.

וויינענדיג בעט עפעס די אידענע אויף א קוים־פארשטענדליכען פויליש. ער שטעלט זיך אויף צו'ן איהר, הייסט זי אויפהערען וויינען, און ער הייסט דעם יונגענמאן רעדען.

עס האנדעלט זיך וועגען א קרקע פאר'ן יונגענמאנ'ס ווייב. אין קימפעט איז עס געשעהן. פרץ דארף אונטערשרייבען די פאפירען.

איך לאז איהם אזוי איבער און געה אראפ פון די ברייטע קירכען־שטיגען, מיט דעם געדאנק צו זיין צוריק פינף מינוט צו דריי.

## אַ נאָכמיטאָג

די זייט פון דער גרזשיבאָווסקע גאַס אויף וועלכער די נמינע שטעהט איז געווען פּארגאָסען מיט זון־ליכט; און ווען מיר זענען צוזאמען ארוים פון דאָרט דריי א זייגער, האָט ער אויף דער שוועל שטעהענדיג א ציה געטאָן דעם אַש־גרויען קאַפּעלוש טיעפער איבער די לאַכענדיגע אויגען, און ווען מיר האָבען שוין נעהאט אויסגעמידען דעם פּאָליציאַנט אונטען ביי די שטינגען, ווענענס אנוועזענהייט האָט עדות געזאָגט, אז יענעם טאָג איז א סעסיע, האָט זיך פּרץ אָפּגעשטעלט א סעקונדע אויפ׳ן טראָטואַר און מיטביידע הענט אויף דער ברוסט און א גרימאַסע פון איי־בערגעשפּאַנטער מידקייט אויפ׳ן פּנים אָנגעשעפּט פולע לונגען מיט פרישער זוניגער לופט דורך א ברייט געעפענט מויל.

— א מענש דאַרף לופט, און וואָס מעהר.

פשוט׳ע ווערטער, וועלכע האָבען אויסערליך געשיינט צו זיין אן אפּאָלאָגיע אויף דעם ברייט געעפענטען מויל און אויף דער גרימאַסע אויפ׳ן פּנים. אָבער די וואָס זענען געווען ארום איהם האָבען שטענדיג ארויסגעפּיהלט דעם ברייטען בנין געדאנקען, פון וועלכען די ארויסגעזאָגטע ווערטער זענען דער סימבאָל געווען. כמעט שטענדיג זענען זיינע ארויסגערעדטע ווערטער געווען דער קווינטעסענץ פון א בילדערררייכען געדאנקען־הינטערגרונד.

דאָס מאָל אויך — געהט מען שווייגענדיג, ווייל ס׳איז דאָ א סך פון וואָס צו טראַכטען איידער מען רעדט עפּעס ארוים אין זיין אנוועזענהייט. צו׳ן איהם, אָדער ווען ער איז דערביי געווען

האָט מען נישט געקענט ארויסזאָגען קיין נארישקייט, וואָס זאָל בלייבען אומבאמערקט. נאָך דער געזאָגטער נארישקייט האָט געמוזט שטיל ווערען. און ער האָט געזאָגט יענעם עפּעס אזוינס, וואָס יענער וועט זיין גאנצען לעבען געדענקען מיט חרפּה פאר זיך אליין, אָבער נישט מיט כעס אויף אימיצען.

קראטקא'ס סטודיאָ איז אויף דער פאנסקע גאס, און מען קען מאכען דעם וועג זעהר קורץ, ער זאָל נעמען אין גאנצען עטליכע מינוט, אָבער, — א מענש דארף לופט און וואָס מעהר, — דער זומער אויף די ווארשעווער גאסען איז וואונדערליך זיס, די סטרוזשעם שפּריצען אויס דעם מיטען־וועג און די קרולעווסקע און מארשאלקאָווסקע גאסען האָבען גרויסע, ברייט־־צוצווייגטע בוימער ביי די זייטען — געהט מען דורך דעם וועג, ריכטיגער — שפּאַצירט מען דורך דעם וועג, און מען קומט אין סטודיאָ דעם באשטימטען פיער א זייגער.

דער יונגער חנ'עוודיגער קראטקא שטעהט אין דער אָפענער טיר אָן אויסגעשמירטער אין ליים און גיפּס, אָבער ער זעהט אויס ווי א פארקויפער פון א זיידען־געשעפט, וועלכער ווארט אויף איידעלע דאמען מיט פיינעם געשמאק.

מען דריקט זיך די הענט און מען געהט אריין. אינגעוועניג באגעגענט מען נאָך עטליכע באקאנטע פּנים'ער און מען דריקט זיך ווידער די הענט. די פיעל באקוועמערע באגריסונגס־פאָרם פון א שאָקעל מיט'ן קאָפּ און א מרוק אונטער'ן נאָז איז דאָרט נישט אָנגענומען. מען קוועלט זיך צו, מען שטרעקט אויס די האנט און מען דריקט יענעמ'ס האנט ווארעם.

די סטודיאָ איז א גרויס פּוסט געוועלב וואָס זעהט אויס גלייך מוליארעס וואָלטען דאָ צייטווייליג אוועקגעלעגט זייער ליים און קאלעך. אויף די ווענט הענגען עטליכע גיפּסענע בארע־ליעפען און א צוויי דריי אויל־בילדער, ערגיץ וואלגערט זיך אָן

אויסטערלישער טערקישער שאַל, אַן אַלטע מנורה, אַ פאַרגרינט חנוכה־לעמפּעל, שריים פון פיינעם שאָקאָלאַד, נאַכלעסיג אוועק־געוואָרפענע פרישע בלומען און אין מיטען אויף אַ פּראָוויזאָרישען פּאָדיום אַ ריזיגע, נישט־פאַרענדיגטע ליים־פיגור פון פרץ׳ן.

די פּאָזע איז אַ זיצענדיגע, מיט ביידע הענט אויף ביידע קניען אָנגעשפּאַרט, און דער קאָפּ מיט אַן ענערגישער נייגונג צום פּאָרענט, זעהט אויס ווי ער וואָלט געהאַלטען אין דערצעהלען עפּעס פאַר אַן עדה, וועלכע אָטעמט שטיל, כדי אַ וואָרט נישט צו פאַרהערען.

פרץ האָט גלייך פאַרנומען זיין פּאָזיר־פּלאַץ אויף אַ פּאָדיום נאָך אביסעל העכער ווי דער, אויף וועלכען די ליים־פיגור איז געשטאַנען. יעדער פון דער חברה, צוויי יונגע סקולפּטאָרען, אַ כּאָלער, קראַטקאָ׳ס פרוי און איך, האָט זיך באַלד געפונען אַן אימ־פּראָוויזירטען זיץ, — און קראַטקאָ, נאָך מעהר פאַרשמירענדיג זיך אין ליים, האָט אָנגעהויבען זיין באַגייסטערטע ארבעט, ביי וועלכער ער פּלעגט אָפּט אונטערזינגען אַראַבישע נגונים, וואָס האָבען מיט איהם, אַזוי ווי דער טערקישער שאַל פּיליכט, פון פּאַלעסטינע מיטגעוואַנדערט.

מען רויכערט און מען שווייגט אַ לאַנגע צייט. ביז דער אַלטער — איצט רוף איך איהם ווידער, ווי מיר פּלעגען איהם רופען אונטער די אויגען, — רופט זיך אָן מיט אַזוי פיעל גוט־הארציגקייט אין טאָן:

— וואָס האָב איך אייך דערצעהלט ס׳לעצטע מאָל?

— די מעשה מיט די אָראָפּגעלאָזטע אויגען, — ענטפערט גלייך קראַטקאָ׳ס פרוי.

און קראַטקאָ אַליין גיט אויך באַלד צו:

— יאָ, די מעשה מיט די אָראָפּגעלאָזטע אויגען.

און איך באַשטעטיג אויך דאָס אייגענע.

זאָגט פּרץ:

— יאָ, די מעשה האָב איך שוין אָנגעשריבען. א שעהנע מעשה. אצינד וועל איך אייך דערצעהלען א מעשה מיט א קונצען־מאכער.

מיר האָבען ביז איצט געשוויגען אַלע, ווייל מיר האָבען ערוואַרט פון איהם א מעשה. איצט האָט יעדער ארויסגעלאָזט אַן אנטציקטען אויסרוף.

איינער האָט זיין פּאַפּיראָס מיט'ן פּוס צוטראָטען, איינער האָט זיך באַקוועמער פּאַררוקט אין זיין ווינקעל און עס איז שטיל געוואָרען. בלויז דאָס ליים אונטער קראַטקאָ'ס הענט האָט פון צייט צו צייט ארויסגעגעבען א צוקוועטשטען קלאַנג, אזוי ווי אַן אָרימאַנ'ס שיך אין א שלאַגס־רעגען.

און אין דערזועלבער אומבאַוועגליכער פּאָזע ווי פריהער, נאָר מיט נייע פונקען אונטער די אויפגעשטורעמטע ברעמען, האָט ער אָנגעהויבען צו דערצעהלען די מעשה מיט דעם קונצענמאַכער. ער האָט אָנגעשלאָגען א שטאַרקען, פיעלפארביגען, פאָלקסטימליכען טאָן און אין דעם טאָן דערצעהלט די מעשה ביז'ן סוף.

וויפיעל קינסטלערישער גענוס איז דאמאָלס געווען פאר די צוהערער און פאר'ן דערצעהלער! איך קען דעם גענוס נאָך יעצט איינאָטעמען. דאָס פּראָסטע איז געווען דערלאַנגט אין א דין זיידען געוואַנד, וואָס דעם קינסטלער'ס פאַנטאַזיע האָט געוועבט אין אונזער געגענוואַרט. קוקענדיג אויף זיינע, אין פייער איינ־געראַמטע אויגען, האָט מען געקענט זעהן, ווי די פונקען לויפען, אזוי ווי די שופּליעס אין א וועבשטוהל, און וועבען די כשופ'דיגע מעשה.

בלעטערט אויף די מעשה אין דעם בוך „פאָלקסטימליכע גע־שיכטען" און איהר וועט זי דאָרט געפינען כמעט וואָרט ביי וואָרט, ווי ער האָט זי אונז דערצעהלט. זיכער מיט דעם זעלבען

סמיל, ווייל אויב „דער סטיל איז דער מענש", ווי דער שפּרוך זאָגט, דאַן קען פּריץ גענומען ווערען אַלס באַווייז פאַר'ן אמת פון דעם שפּרוך.

ער האָט געשריבען ווי ער האָט גערעדט. אַזוי קלאָר, אָדער אין א פּאָפּולערען זין אַזוי אומקלאָר. אַזוי בילדליך, אַזוי שפּאַרזאַם.

פאַר די לעצטע יאָהרען, איבערהויפּט. ווען ער האָט געשריבען די פּאָלקסטימליכע געשיכטען, האָט ער געפיהלט א נויטווענדיגקייט צו דערצעהלען פריהער די מעשה, וועלכע ער האָט געוואָלט אויפשרייבען. מיט דעם דערצעהלען האָט די מעשה געוואונען ביי איהם די איינפאַכקייט און פליסיגקייט פונ'ם לעבעדיגען וואָרט. ער האָט נישט, ווי אנדערע, דערצעהלט די טעמע אָדער א געוויסע סצענע פון דער ערצעהלונג. ער האָט דערצעהלט די ערצעהלונג אין דער פאָרם, אין וועלכער ער האָט געהאַט ברעה זי אויפצושרייבען צום דרוקען. אומגעפער ווי אָסקאַר וואַילד האָט דערצעהלט זיינע מעשה'לעך ביים קאַפע-טיש. און אַזאַ געוואוינהייט איז עס שוין ביי איהם געוואָרען דאָס דערצעהלען די געשיכטע, אַז עס איז איהם שווער געווען צו נעמען די פען אין דער האַנט אריין און אוועקזעצען זיך אָנשרייבען זי אויפ'ן פּאַפּיר. ער האָט פאַרגעצוינגען צו האָבען א לעבעדיגען מענש פאַר די אויגען, ווען צו דערצעהלען, און יענער זאָל זיצען און שרייבען.

צוליב דעם צוועק פלעג איך עס דאַמאָלס קומען צו איהם זיבען א זייגער אין דער פריה.

ער איז פּלוצלונג אראָפּגעשפּרונגען אינגלעריש פון זיין זיץ און אויסגעגלייכט זיך די ביינער אויס מידקייט פון זיצען שטייף. א בליק געוואָרפען אויף קראַטקא'ס ארבייט — פון לינקען פּראָפיל, פון רעכטען פּראָפיל, אנפאַס — און אויף דעם סקולפּטאָר'ס

בקשה זיך צוריקגעזעצט אויף נאָך עטליכע מינוט, דערנאָך ווידער אינגלעריש אראָפּגעשפּרונגען:

— פאַרטיג.

מען דריקט אויס מיינונגען וועגען דער גרויסער ליים־פיגור. איינער מיינט, אז דעם פּנים פעהלט אביסעל נשמה, אַן אנדערער מיינט, אז די ארבעט איז אויסגעצייכענט. און קראַטקאַ אַליין רופט זיך אָן צו פּרץ'ן:

— נאָך עטליכע מאָל, הערר פּרץ, וועט איהר מיר פּאָזירען. וועל איך זיין פאַרטיג מיט דער ארבעט; דערנאָך, דאכט זיך, וועל איך עס מיט איין זעץ גאַנץ פיין צוברעכען און פּרובירען אויפסניי.

אַט די ווערטער קראַטקאַ'ס זענען געווען גאַנץ אין פּרץ'ס גייסט. צוברעכען און פּרובירען אויפסניי — ווי פּרץ'יש! וויפיעל מאָל האָט ער אין יענער צייט איבערגעשריבען און איבערגעאַרבעט זיינע דראַמען, נאָוועלען און לידער, — א טייל פון זיי נישט ווייניגער פון צעהן מאָל.

ער האָט זיך אָפּגעזעגענט צום אוועקגעהן. — צי איך געה אויך? — געוויס!

געהען מיר ביידע ארויס פון סטודיאָ. מען קען דאָס מאָל אויך מאכען דעם וועג קורץ אהיים. אָבער מען געהט ווידער דורך דער מאַרשאַלקאָווסקע. דאָס מאָל אָבער טרעט מען אָן אין אסטראָווסקי'ס קאַוויאַרניע — די שענסטע אנשטאַלט פון דעם כאַרט אין וואַרשע.

מיט א פיינעם שווייגען פרעגט דער קעלנער וואָס מען פאַר־לאַנגט. פּרץ טראַכט נישט לאַנג. ער באַשטעלט קאַלטע קאַווע און דייטשע הומאָריסטיק. כמעט אין דערזעלבער צייט, וואָס ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט דער קאַווע איז ער פאַרטיג געוואָרען

מיט דעם סימפּליציסימוס, „אולק“, „מעגענדאָרפער בלעטער“ און א צוויי־דריי אַנדערע זשורנאַלען פון דעם סאָרט.

איך גײה מיט איהם אהיים. דאָרט געפינען מיר ליעבע פנים׳ער. דינעזאָן מאַכט פּאַפּיראָסען ביים טישעל אין דער מיט און מאַדאַם פּרץ שרייבט איבער א מאַנוסקריפּט אויף דער אידישער שרייב־מאַשין. דינעזאָן האָט נאָך מיטגעבראַכט אַן אומבאַקאַנטען יונגעמאַן, וועלכער האָט אָנגעשריבען א ראָמאַן און וועט באַלד פאָרלעזען א טייל פון איהם. פּרץ וועט דאָס מוזען הערען און מביגות זאָגען.

אין זיין אייגענער היים בין איך שוין זיכער, קען איך איהם רוהיג איבערלאָזען.

אזוי טו איך. איך געזעגען זיך אָפּ, מיט אַן אָפּמאַך מאָרגען זיבען א זייגער אין דער פריה ווידער צו קומען.

— אָבער פּונקט זיבען — זאָגט ער אַן.

— פּונקט זיבען.

# אַ נאַכט־שפּאַציר

עס האָט זיך אזוי געמאכט, אז אין אן אנגעלעגענהייט, וועלכע איך קען מיך מעהר נישט דערמאָנען, בין איך נאָך דעם זעלבען אָווענט געוועזן ביי איהם אין שטוב. און דאָס — שפּעט אין אָווענט: מסתמא צווישען צעהן און עלף.

אויפ׳ן טישעל אין דער מיט האָט געברענט דער לאָמפּ מיט׳ן טונקעלען שיין, און פארשפּרייט אן אנגענעם ליכט אויף דער אונטערשטער העלפט פון צימער, און אַ נאָך אנגענעמערע האַלב־טונקעלקייט אויף דער אויבערשטער העלפט.

א זיבען־אַכט מענשען האָבען זיך דאָרט געפונען. ווער ביים אָפענעם פענסטער מיט א פּאַפּיראָס אין דער האנט, ווער ביי א וואַנט אָנגעשפּאַרט האַלט דאָס גלאָז טיי אין דערטרינקען, ווער געבען פּרץ׳ן, מיט גרויס באַקוועמליכקייט אין א ווינקעל פון דער לאַנאַפּע פאַררוקט. פיינע, נישט־געקינסטעלטע שטימונג ליגט אויף די פּנים׳ער, וועלכע געפינען זיך אַלע אין דער האַלב־טונקעלקייט. די אנוועזענדע באשטעהען פון עטליכע שריפטשטעלער, צוויי מיר אומבאַקאַנטע יונגע דאַמען, די קראַטקאַס און פּרץ׳ס א פערזענליכער פריינד.

דאָס געשפּרעך איז נישט אויף פאַרשידענע טעמען אין פאַרשידענע ווינקלען. דאָס געשפּרעך איז איינס, אויף איין טעמא — קונסט, און אַלע וואָס זענען דערביי זענען באַטייליגט דערין. איינער רעדט באריכות וועגען די ברייטע מעגליכקייטען פאַר אַ נאַציאָנאַל־אידישער קונסט אין פּאַלעסטינע. איינער נעמט אַנ־

מייל מיט א פּאַסינגער באַמערקונג, און איינער מיט א פיינעם שווייגען און צוהערען. באַטייליגט איז יעדער. פּרץ איז נישט דער אַקטיוויסטער אין דעם געשפּרעך, אָבער זיינע מיינונגען שטעהען אין צענטער פון די איבריגע. זיין באַמערקונג ווערט באַשענקט מיט דער מעהרסטער אויפמערקזאַמקייט און נישט באַלד נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגערעדט וועט א צווייטער רעדען. אַ שטילע פּויזע וועט איינטרעטען, און דאָס געזאָגטע וואָרט זיינס ווערט באַטראַכט און פאַר'חתמ'עט ביי יעדען אין זכרון. ער אַליין, פיהלט איהר, איז אין אַזאַ שטימונג, ווי ער וואָלט געוועזן נישט ביי זיך אין דער היים, נאָר „ביי פּרץ'ן".

ארום עלף א זייגער איז ער אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט, ארויפגעוואָרפען דאָס וועלאָסיפּעדען היטעל אויפ'ן קאָפּ (ער האָט עס זעלטען אָנגעטאָן, מעהרסטענטיילס ארויפגעוואָרפען) און צו אַלעמענ'ס פאַרוואונדערונג זיך אָנגערופען, קוקענדיג אויף זיין קעשענע-זייגעריל:

— איהר ווייסט, מיר קענען נאָך האָבען א גאַנץ פיינעם שפּאַציר אין די אַלעען. ס'איז נישט שפּעט. נאָך א שעה צוויי. קומט.

און באַלד נאָך דעם חבר'יש-געביטערישען „קומט", זינגט ער אונטער מיט ברייטע אונטערשטע טענער א שורה-צוויי פון א פּאָלקסליד, וואָס קלינגט אין דער שפּעטער אָוונט-שעה, ווי דער „גלגול פון א נגון", און נישט וואַרטענדיג אויף קיינעם עפענט ער דאָס קלאַפּ-שלאָס פון דער פּאָדערשטער טיר און לאָזט זיך דער ערשטער אראָפּ פון די שטיגען.

ווי איין מענש שטעהען אַלע אויף. מען העלפט די דאַמען די העלע זומערדיגע זשאַקעטלעך אָנטאָן, מען כאַפּט אין פּאָדער-צימער די קאַפּעלושען פון די הענגערס, וועמ א לייכטען אויבער-מאַנטעל, ווער א שפּאַציר-שטעקען פון ווינקעל און מען געהט

איהם נאָך, אָפּהיטענדינ די שטילקייט פון הויז ביים אראָפּגעהן פון די שטינען. מאדאם פּריץ האָט קוים צייט א באַמערקונג צו מאַכען, ער זאָל די פּעלערינע מיטנעמען, ווייל עס קען זיך מאַכען צו קיהל. אָבער ער איז שוין אונטען. נעמט אימיצער אַנדערש די פּעלערינע אויפ'ן אַקסעל, מאַדאַם פּריץ טוט אָן איינעם פון זיינע ווייכע קאַפּעלושען, און מיט א מינוט־צוויי שפּעטער געפינען זיך אַלע אין נאָס.

בלויז א צוויי־דריי פון דער גרופּע גזעגענען זיך אָפּ ביים טויער שטעהענדיג. אַנגעבענדיג די אורזאַכען און ענטשולדיגונגען פאַרוואָס זיי געהען אַוועק. די איבריגע דריקען אויס צופרידענהייט מיט דעם פּאַרשטעהענדען שפּאַציר און לאָזען זיך נאָך פּריץ'ן, וועלכער געהט מיט האסטיגע טריט פּאָראויס, האָבענדיג זיין פּערזענליכען פריינד ביי דער זייט.

דאָס ליעבע וואַרשע מיט איהרע פריינדליכע טראָטואַרען! זיבען־אַכט מענשען שליסען מיט באַקוועמליכקייט, אָרעם אין אָרעם, א פריינדליכע וואַנט, און זייט זיכער, אז מענשען וואָס קומען אייך אנטקעגען וועלען נישט פּרובירען אייער פריינדליכע וואַנט דורכצורייסען אָדער בייזוויליגע באַמערקונגען צוצוואַרפען. מען וועט פאַר דער געשלאָסענער פריינדליכער וואַנט דרך ארץ האָבען, און איהר מיט א העפליכען שמייכעל דעם וועג פריי מאַכען.

אַזוי האָבען מיר שפּאַצירט, וועגען פאַרשידענע אומוויכטיגקייטען פּלאַפּלענדיג, מיט פּריץ'ן און זיין פריינד א שטיקעל וועג פאָראויס. פון צייט צו צייט האָט ער דעם קאָפּ צו דער פריינדליך־געשלאָסענער וואַנט אויסגעדרעהט, וועגען דעם מארשרוט זיך באַראַטען, אָדער געמאַכט א שפּאַסיגע באַמערקונג וועגען וועלכער די גרופּע האָט לאַנג געהאַט צו לאַכען. ערשט ווען מיר זענען

אריין אין דער מאַרשאַלקאָווסקע גאַס, האָט זיך אונזער גרופּע געמוזט אויפלעזען אין פאַרלאָך און געהן א פּאָר הינטער א פּאָר.

אין יענער שעה ווערען אַלע זעקס טויערען פונ'ם זאַקסישען גאָרטען פאַרמאַכט. שטראָמענווייז קומען פון די טויערען ארויס זומערדיגע, לאַכענדיגע פּאָרלאָך, וועלכע דער גרעגער האָט פון די טונקעלע אַלעען ארויסגערופען און מיטברענגענדיג מיט זיך אויף דער מאַרשאַלקאָווסקע גאַס ארויס דעם ריח פון גאָרטען, נעמען זיי פאָרטזעצען דעם געשטערטען שפּאַציר. דערפאַר ווערט אויף די ליכטיגע, באַבוימערטע טראָטואַרען א היימליכע ענגשאַפט.

איין פּאָרעל פון דער גרופּע זעהט שוין דאָס צווייטע נייעס, אָבער מען געהט ווייטער, ווייל מען ווייסט, אַז ביי דער ירושלים'ער אַלעע וועט מען זיך אָפּשטעלען, ווידער פאַראייניגען און ווייטער גערן.

ווען מען קומט אריין אין דער אריסטאָקראַטיש-פּוסטליבער ירושלים'ער אַלעע, הויבט פריץ אָן צו רעדען הויך, וואָס עס קלינגט העלער אָפּ אין דער שטילער גאַס. דערנאָך הויבט ער אָן צו זינגען און עפּעס ווי אונטערטאַנצען.

א פרויען-שטימע רופט זיך אָן צו אימיצען:

— שעמט אייך, אינגעל, דער אַלטער איז דאָך יונגער פאַר אייך.

געזאָגט איז עס אין שפּאַס, נאָר די מענער ווערען ווירקליך געוואָרפען אין א פאַר־לעגענהייט. נאָכטאָן איצט דעם אַלטען וועט ווין קאָמיש, ווייטער פיהרען די קאָמפּלימענטען-קאָנווערזאַציע, ווען דער אַלטער געהט פאָראויס און זינגט, איז נאָר אוממעגליך. אָבער דער אַלטער אליין נעמט ארויס די איבריגע יונגען פון דער פאַרלעגענהייט. ער זינגט אזוי הארציג און אזוי לאַנג, אַז איינער און א צווייטער און א דריטער הויבען אָן מיטצוזינגען, און ביז

מען קומט אין דער אויאַזדאָווער אַלעע, זינגט אַ קליינער פיאַנאָ־כאָר, וואָס מאַכט די פאַרבייגעהער פאַרבייגעהן לאַנגזאַמער.

די אויאַזדאָווער אַלעע שפּאַצירט מען אויס אינגאַנצען, ביז אַראָפּ. ווען אַ טייל פון דער גרופּע ערקלערט זיך מיד און וויל זיך צוזעצען אויף אַ באַנק אָפּרוהען, צולאַכט זיך פּרץ הויך ווי אַ שטיפערישער זיגער און וויל אַלעמען אויף להכעיס דווקא זיך נישט זעצען. אָבער מען רעדט איהם איבער, און אויף אַ פּאָר מינוט זעצט ער זיך צו.

אויפ'ן וועג צוריק געהען אַלע ענג צוזאַמען און די שטימונג ווערט אינטים, פרעהליך, וויציג. אָבער פרעהליכער און וויציגער פון אַלע איז פּרץ. זיינע קרעפטיגע, גראַציעזע קאָמפּלימענטען מיידען נישט אויס קיין איינע פון די דאַמען, און אַ לאַנגע, לאַנגע צייט שפּעטער וועט אייך אַ דאַמע איבערדערצעהלען מיט ווייב־ליכען שטאָלץ:

— מיין שפּאַניער הוט מיט דער קאַווקאַזער קלאַמרע, האָט מיר אַמאָל פּרץ געזאָגט, פּאַסט זעהר צו דער פאַרב פון מיין פּנים.

אָדער:

— פּרץ האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז מיין גאַנג איז אַזאַ זיכערער, אַזוי ווי איך וואָלט געטראַכט, אַז אַ ליעבער נאָהענטער געהט מיר נאָך.

אויף דער נייער וועלט איז אַ צוקיערניע נאָך אָפען געוועזן. איז מען אריין אהין: ווער אַ גלאַז טהעע, ווער אַ לייכטען מאַלצייט אָפּעסען.

דעם איבריגען וועג איז שוין יעדער מיד געוועזן, און מען האָט ווייניג וואָס גערעדט. פּרץ אָבער האָט נאָך פאַרפיהרט מיט זיין פריינד און ערנסטען געשפּרעך, מיט וועלכען ער איז קוים פאַר זיין הויז פאַרטיג געוואָרען.

די מעהרסטע פון דער גרופּע האָבען זיך אויפ'ן וועג אָפּגעזעגענט און צונאַנגען זיך אין פאַרשידענע זייטען. א דריי־פּיער איז אויסגעקומען ווידער צוזוקומען ביז זיין הויז. און נאָכדעם ווי ער האָט זיך שוין געהאַט אָפּגעזעגענט מיט אַלע, ווענדט ער זיך צו מיר מיט א געלעכטער:

— נו, וואָס־זשע, ס'איז דאָך צוויי דער זייגער, כ'וועל דאָך וועלען שלאָפען אין דער פריה. שרייבען מיר נישט מאָרגען!

איך קוק איהם אָן פאַרוואונדערט.

— מאָרגען ווידער נישט?

— נישט קיין אומגליק, — ענטפערט ער מיר גאַנץ קאַלט.

— איבערמאָרגען איז אויך א טאָג. א גוטע נאַכט!

— א גוטע נאַכט!

## צומאָרגענס

מיר איז אויסגעקומען אין אַן אין דער פריה ארום ניין אַ זייגער צו זיין ביי פּרץ'ן וועגען וויכטיגע אנגעלעגענהייטען פון דער אידישער ליטעראַרישער געזעלשאַפט, וועלכע האָט דאַמאָלס עקזיסטירט אין וואַרשע אַלס אפּטיילונג פון דער פּעטערבורגער געזעלשאַפט מיט דעם זעלבען נאָמען.

די אויפגאַבען פון דער געזעלשאַפט זענען געווען אידיש־קולטורעלע, און די וואַרשעווער אפּטיילונג האָט זיך אין אַ זעהר קורצער צייט וואונדערליך צעוואַקסען אַ דאַנק דעם טיכטיגען אַנטייל, וואָס די וואַרשעווער אידישע שריפטשטעלער האָבען אין איהר גענומען. גלייך ביי דער גרינדונג פון דער אפּטיילונג איז פּרץ ערוועהלט געוואָרען אַלס פּרעזידענט, דינעזאָן אַלס קאַסירער און דר. אלכסנדר קאַפּעל אַלס סעקרעטער. אַ טאָג־צוויי שפּעטער, בין איך אַ דאַנק פּרץ'ן און נאָמבערג'ן, געוואָרען דער פּאַקטישער סעקרעטער.

די הויפּט טעטיגקייט פון דער געזעלשאַפט איז באַשטאַנען אין אַראַנזשירען לעקציעס אָדער סעריעס פון לעקציעס פאַר די מיטגלידער. די פּאָליציי האָט אָבער געקוקט קרום אויף דער געזעלשאַפט און איהרע מיטגלידער און יעדע לעקציע פלעגט דאַרפען דורכגעהן שבעה מדורי גהינום ביז זי איז ערלויבט געוואָרען געהאַלטען צו ווערען.

אַ ביטע צום אָבער־פּאָליצמייסטער וועגען אַן ערלויבניש האָט באַדאַרפט אָנגעגעבען ווערען מיט אומגעפער אַ חודש איידער

די לעקציע האָט געזאָלט פאַרקומען. צוזאמען מיט דער ביטע האָט געמוזט ביינעלעגט ווערען אַן אויסגעשריבענער קאָנספּעקט, אייגענטליך אַ גענויער אינהאַלטס־פאַרצייכניש פון דער לעקציע. אין פאַרלויף פון די עטליכע וואָכען האָט די פּאָליציי אויסגעפונען איינצעלהייטען וועגען דער פּערזאָן, וואָס האָט געזאָלט די לעקציע האַלטען. און גאַנץ אָפט פלעגט עס טרעפען, אַז נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די געזעלשאַפט איז נאָכגעקומען אַלע פּאָליצייאישע פאָדערונגען, איז אַ געוויסע לעקציע דאָך נישט ערלויבט געוואָרען.

פון אַלע לעקטאָרס, וועלכע די געזעלשאַפט האָט אריינגענומען אין איהר פּראָגראַם איז פּרץ געווען די „פּערסאָנא גראַטאַ“ ביי דער פּאָליציי. זיינע לעקציעס פלעגען דארום עפּעס אראַנזשירט ווערען. דערפון האָט די געזעלשאַפט פּראָפּיטירט דערמיט, וואָס זיינע לעקציעס פלעגען אַם שטאַרקסטען באַזוכט ווערען. פּרץ'ס אַ לעקציע אויף שבת ביי טאָג אין דער פילאַרמאָניע, צי אויף דער נאָוואָוויניאַרסקע, אָדער אין שווייצער טאַל, איז שטענדיג געווען אַ זיכערער ערפאָלג כאָטש די דריי זאַלען ליגען אין די פאַרשידענסטע טיילען פון שטאָדט. אַ צוויי־דריי אַנאָנסען אין די צייטונגען אין פאַרלויף פון דער וואָך האָבען געקענט צונויפברענגען אַן עולם פון דריי הונדערט ביז טויזענט צוהערערם.

די עקזעקוטיווע האָט ביי דער לעצטער פאַרזאַמלונג נעהאַט באַשלאָסען איינצואָרדנען אַ סעריע לעקציעס פון פּרץ'ן. און איצט בין איך געקומען ער זאָל מיר דעם קאָנספּעקט אויסשרייבען, ווייל די ביטע צום פּאָליצמייסטער האָט באַדאַרפט נאָך דעם זעלבען טאָג אַוועקגעשיקט ווערען.

די אַרבעט פון לאָזען וויסען דער פּאָליציי: „אָט, נאַ, זעה, ווי כשר איך בין!“ — איז נישט קיין זעהר דאַנקבאַרע, און דאָס

אויסשרייבען דעם קאָנספּעקט האָט איהם נערוועז געמאַכט. ער האָט אָבער מיט בלייפעדער אויפגעוואָרפען א פיעל נעמעקטען און פיעל פאַרריכטען קאָנספּעקט און איהם מיר איבערגעגעבען.

— קריגען מיר נייע מיטגלידער? — פרעגט ער.

— יעדען אָוונט — ענטפער איך. (די ביוראָ פון דער געזעל־שאַפט פלעגט זיין אָפען בלויז אין אָוונט פון זעקס ביז ניין).

דאָס איז איהם ווי א טרייסט פאַר דער ארבעט. ער ווערט גוט אויפגעלעגט און הייבט אָן אויסצופרעגען וועגען דעם כאַראַק־טער פון די צוגעקומענע מיטגלידער. זענען עס מעהרסטענס מיידלאך אָדער בחורים, ארבעטער צי שטודירענדע יוגענד? נאָר יונגע מענשען אָדער עלטערע אויך?

— יוגענד, בלויז יוגענד, — איז מיין ענטפער.

צינדען זיך די אויגען אָן מיט פרייד, און ער הויבט אָן ארומגעהן איבער'ן צימער:

— בלויז יוגענד?! — גוט! א סימן מען נויטיגט זיך אין דעם אמת'ן וואָרט, אין דעם שטאַרק־געזאָגטען וואָרט. און ווען מען דערשמעקט עס, קומט מען צולויפען. ווי שטעהט דער „הזמיר?“

— בלויז די מוזיקאַלישע אפטיילונג איז נאָך ווי עס איז טעטיג. די דראַמאַטישע איז פאַרנאַכלעסיגט און די ליטעראַ־רישע איז ווי זי וואָלט גאָר אין גאַנצען נישט עקזיסטירט.

— און די מיטגלידערשאַפט?

— איז זעהר, זעהר קליין.

— מען האָט באַדאַרפט די צוויי געזעלשאַפטען פאַראייניגען.

אָבער אויף וויפיעל מיר איז באַקאַנט, איז צו קיין פאַראיי־ניגונג צווישען „הזמיר“ און דער ליטעראַרישער געזעלשאַפט קיין מאָל נישט געקומען. די אורזאַך דערפון ווייס איך אויך נישט. נאָר ווען די פּאָליציי האָט א קורצע צייט שפּעטער אינגאַנצען

פארמאכט די אידישע ליטעראַרישע געזעלשאַפט איז פּרץ געוואָרען דער פּרעזידענט פוּן „הזמיר", און דער פאראיין האָט אויפ'ס ניי אויפגעלעבט.

ער פארטראַכט זיך אַ ווייל און זאָגט:

— דינעזאָן זאָגט מיר, אַז דאָס געלט וואָס קומט אריין, דעקט נישט די הוצאות. מיר האָבען היינט אַ פארזאמלונג ווענען דעם, ביי דינעזאָנ'ען אין שטוב. זייט דאָרט, מען דאַרף אויס־גלייכען די חשבונות.

* * *

ביי דינעזאָנ'ען אין דער איינציגער שטוב, וואָס ער באַוואוינט אויף דער דזיעלנע גאַס, אין דער איינציגער שטוב מיט דעם איינציגען פענסטער, איז אָפּטמאָל אזוי היימליך און אַנגענעהם ווי ביי פּרץ'ן איז געווען.

אויף זיין שרייב־טיש ברענט דער שטעה־לאָמפּ מיט'ן שיין און אין שטוב זיצען אויסער דעם בעל הבית — פּרץ, נאָמבערג, דר. מוקדני, יעקב לעשטשינסקי, צוויי מיטגלידער פון קאָמיטעט, נישט שריפטשטעלער, און אַ גאַסט — פּרץ הירשביין.

ער זיצט נישט ביים טיש, נאָר אָן אַ זייט איינער אליין אויף דער קאַנאַפּע מיד און אָנגעכמורעט, ווי איינער, וואָס ווארט אויף זיין משפט.

די פארזאמלונג געהט אָן. פּרץ איז פּאָרזיצענדער. אָבער ער נוצט נישט אויס זיין אַמט כדי צו רעדען אַ סך, מאַכען אַ סך פּאָרשלאָגען און נישט לאָזען קיינעם צום וואָרט קומען. ער לאָזט אנדערע רעדען. איבערהויפּט די צוויי נישט־שריפטשטע־לער. דאָס זענען צוויי פּאַרטיי־מענשען, איינער פון זיי אַ סטודענט אין דעם ווארשעווער פּאָליטעכניקום. זיי זענען אין דירעקטער באַריהרונג מיט די מאַסען, זענען דורכגעטריבען אין

האנדלען מיט דער פּאָליציי, זיי קענען דערפאר געבען פּראַקטישע עצות, ווי אָנצוגעהן מיט דער טעטיגקייט פון דער געזעלשאפט. אָבער דער גייסט פון דער פאַרזאמלונג, פּאַלגליך פון דער גאַנצער געזעלשאפט — איז פּרץ.

די פאַרזאמלונג ענדיגט זיך שפּעט אין אָוונט. עטליכע געהען אוועק. די שריפטשטעלער בלייבען.

וואָס טוט דאָ פּרץ הירשביין?

ער איז דאָ נישט צופעליג. ער איז געקומען פון א ווייטער רייזע ערגיץ פון דער ליטע אָדער פון דרום־רוסלאַנד, וואו ער איז ארומגעפאָהרען און געמאטערט זיך מיט זיין טרופּע. ער איז איצט אין ווארשע — באַקלאָגען זיך. באַקלאָגען זיך פאר די אידישע שריפטשטעלער, פאַר דינעזאָנ'ען, פאַר פּרץ'ן — איבער־הויפּט פאר פּרץ'ן.

שוין צוויי יאָהר ווי ער פּלאגט זיך — ער איז מיד. זיין פּלאגען זיך איז געווען נישט אייגענגוציג. ער האָט זיינע אייגע־נע פּיעסען נישט אויפגעפיהרט, בלויז פרעמדע. און די ארבעט איז וויכטיג, האָט א אידיש־קולטורעלע באַדייטונג. א שאָד די טרופּע זאָל צופאַלען, אַלץ זאָל פאַרלוירען געהן. און ער קען מיט דער ארבעט מעהר נישט אָנגעהן — מיד.

וואָס־זשע וויל ער, פּרץ הירשביין?

— שלום אש איז אויך יונג. פאַרוואָס שטעהט ער פון ווייטענס? זאָל ער איבערנעמען די ארבעט, וואָס איך האָב אָנגעהויבען. אויב נישט אש — איז נאָמבערג, אימיצער, איך בין פארמאטערט.

רעדט מען לאַנג, ערנסט, ביטער, און צום סוף באשליכט מען: אש איז אין ארץ ישראל. נאָמבערג איז נויטיג אין „פריינד“.

נישטאָ ווער עס זאָל הירשביינ׳ס אָנגעהויבענע ארבעט איבער־נעמען און ווייטער פיהרען.

ווערט פּרץ הירשביינ׳ס וואַנדער־טרופּע, די ערשטע און איינ־ציגע ביז היינט־צו־טאָג, וואָס איז מיט א קולטורעלען צוועק באַשאַפען געוואָרען, צופאַלען.

גאַנץ שפּעט אין אָוונט געזעגענען זיך אַלע אָפּ און מען לאָזט איבער דעם אַלטען דינעזאָן אליין אין זיין צימער.

# אַ פרימאָרגען פון שאָפּען

דער פרימאָרגען אויף די גאַסען איז געווען פריש און דופּ־טיג, ווי דער פרימאָרגען אויפ'ן צייטיגען פעלד. אין אַזאַ צייט איז גוט צו חלומ'ען און צו פאַרשרייבען די חלומות.

דאָס מאָל האָב איך אין צייט אָנגעקלונגען ביי זיין טיר. געעפענט האָט מאַדאַם פּרין. זי האָט שטיל געענטפערט אויף מיין „גוט מאָרגען!“ געזאָגט אַז ער שלאָפט נאָך און געפרעגט צו וועל איך איהם אויפוועקען.

— יאָ.

ערשט מיט'ן צווייטען צי מיט'ן דריטען קלאַפּ אין זיין טיר, האָב איך איהם אויפגעוועקט און בין אריין אין צימער. ער ליגט אויפ'ן אייגענעם געלעגער, אויף וועלכען איך האָב איהם שוין איין מאָל געהאַט געפונען. נאָר האַרט ביי דער קאַנאַפּע שטעהט אַ שטוהל, אויף וועלכער עס ליגט אַ זעהר גרויסער, דיקער תנ"ך אין שוואַרצען געבונדען. צווישען די בלעטער ליגען עטליכע שמאָל־געקנייטשטע שטיקלאַך פּאַפּיר — אַ סימן: איבער די בלעטער האָט ער געוואַכט אין דער נאַכט, און וועט זיך מן הסתם צו זיי נאָך אומקערען. אויסערדעם ליגען עטליכע בלעטלאַך מיט בלייפעדער פאַרשריבען און די בלייפעדער. אַ שטאַרק פאַרטריפט ליכט אין אַ נידריג לייכטערל און זיינע לבנה־פערמיגע ביי־נאַקלען מיט'ן דינעם גאָלדענעם קייטעלע. אַלץ עדות אויף ערנ־סטער און טיפער אַרבעט אין דער נאַכט.

ווען איך בין אריין אין צימער, האָט ער זיך שנעל אויפגע־
זעצט און מיט צוגעזשמורעטע אויגען א פרעג געטאָן:

— וועט זיין א שעהנער טאָג?

— ווייזט אוים זעהר א שעהנער — ענטפער איך.

מיט די האָר צושויבערט פונ'ם שלאָף און די גרויסע וואָנסען איבער'ן מויל, האָט זיין קאָפּ אויסגעזעהן ריזיגער ווי געוועהנליך. ווען איך האָב איהם געענטפערט, האָט זיך אויף זיין פנים א קרעפטיגער שמייכעל באוויזען. ער איז האסטיג אראָפּ פון געלע־גער און אָנטועענדיג זיך, רופט ער זיך אָן צו מיר נישט אראָפּלאָ־זענדיג דעם שמייכעל פון פנים:

— שעהנקייט, מיינט איהר, האָט א י ה ר אויסגעטראכט?

איך שטעה ביים טישעל, קוק איהם אָן, און דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, טראכט איך, איז א דאנק דעם וואָס ער איז היינט אין א גוטער שטימונג. נאָר עס נעמט נישט לאַנג, לענט ער ארויף איין פוס אויף דער קני פונ'ם צווייטען און ארויפציהענדיג א שוך, חזר'ט ער איבער:

— שעהנקייט, מיינט איהר, האָט א י ה ר אויסגעטראכט?

איך פיהל מיך אין א גרויסער פארלעגענהייט, און נישט וויסענדיג וואָס עס וואָלט געוועזן דער פאסיגסטער ענטפער אויף דער פראגע, זאָג איך:

— אודאי האָב איך עס נישט אויסגעטראכט. שעהנקייט מוז זיין זייט די וועלט שטעהט.

און בשעת איך רעד, פיהל איך ווי אלע בלוטען קומען מיר אין פנים אריין איבער דער גרויסער נארישקייט, וואָס איך האָב דאָ ארויסגערעדט. אָבער העלפען זיך, טראכט איך, האָב איך דאָך נישט געקענט, ער האָט דאָך מיר די פראגע געשטעלט צוויי מאָל. איך האָב דאָך געמוזט עפּעס זאָגען.

ער לאָזט אראָפּ דעם פוס אינ'ם נאָר וואָס אָנגעטוענעם שוך,

מיט א קלאפּ, און צולאכט זיך אזוי ברייט און אזוי הילכיג, אַז דאַכט זיך אַלץ אין שטוב לאַכט מיט איהם מיט. און מיט דעם געלעכטער זאָגט ער צו מיר:

— וואָס קוקט איהר מיך אָן? זעצט זיך אוועק ביים שרייב־טיש און שרייבט.

איך זעץ מיך שנעל אוועק א פארשעהמטער אויפ'ן אָנגעווי־זענעם פּלאַץ, טינק איין אַ פעדער אין טינט און אויפ'ן ערשטען בלעטעל פּאַפּיר, וואָס פאַלט מיר אריין אין דער האַנט, שרייב איך האַסטיג אויף:

„שעהנקייט, מיינט איהר, האָט א י ה ר אויסגעטראַכט?"

— שוין אויפגעשריבען? — פרעגט ער.

— יאָ.

— ווארט נאָר, איידער מיר געהען ווייטער, שרייבט אויף פון אויבען „פּדיון שבוים". אזוי וועט הייסען די מעשה — „פּדיון שבוים". — אויפגעשריבען?

— אויפגעשריבען.

ער טוט זיך אָן גאַנץ האַסטיג און אין דערזעלבער צייט, רעדט ער שנעלער ווי איך קען שרייבען. מיין שריפט קומט אויס געציקט, קרום, דאָ באַרג אַראָפּ, דאָ באַרג אַרויף, טיילמאָל פאַר־פעהל איך די שרייבצייכענס, טייל ווערטער לעג איך שלעכט אוים פאַר איילעניש, אין אַנדערע ווערטער היפּער איך איבער גאַנצע אותיות. און ער דערצעהלט אזוי פּשוט, מיט זיין קלאָרער, קלינגענדיגער אויסשפּראַך און מייסטערהאַפטער אינטאָנירונג.

די שטוב איז פול געוועזן מיט זיין ערצעהלונג. אומעטום זענען זיינע ווערטער געפאַלען. טיילמאָל האָט ער גערעדט גלייך צו מיר, מיט א שמייכעלדיגען בליק אין פּנים אריין, ווי ער וואָלט מיך געפרעגט, צי געפעלט מיר די מעשה, צי אינטערעסירט זי מיך, אויב נישט וועט ער זי מיר אויפהערען דערצעהלען.

האָט ער געוואָלט עפּעס אראָפּנעמען פון׳ם ביכער־שראנק האָבען זיך זיינע ווערטער אָנגעשלאָגען אָן דעם סופיט פון צימער, האָט ער זיך איינגעבויגען עפּעס אויפצוהויבען, זענען זיי געפאלען אויף דער ערד. ער האָט דערצעהלט, גלייך די שטוב וואָלט פול געווען מיט מענשען.

איך בין געזעסען מיט אָנגעשפּיצטע אויערען און ענערגיש געסקריפּעט מיט דער פעדער, שורה נאָך שורה, און אוועקגעלעגט צו טריקענען בלעטעל נאָך בלעטעל. איך האָב געהאט דאָס גע־פיהל ווי איך וואָלט געשריבען מיט ביידע הענט.

פלוצלינג האקט ער אָפּ אין מיטען א זאץ, ווארפט מיר צו אַן „ענטשולדיגט!" און געהט ארויס פון צימער. איך בין אויפ־געשטאנען ווי פון א לאנגען, רייך־פארביגען חלום, און דער ערשטער געדאנק, וואָס איז מיר געקומען אין קאָפּ אריין, איז געווען — שנעל איבערצוקוקען די בלעטלאך וואָס איך האָב נאָר וואָס באשריבען און פארריכטען די גרייזען וואָס איך האָב אין איילעניש געמאכט, איידער ער וועט אליין וועלען די בלעטלאך לעזען.

איך האָב מיך איינפאך דערשראָקען, ווען איך האָב גענומען לעזען די בלעטלאך. גאָט, וואָס האָב איך דאָ אָנגעטאָן! איך קען דאָך מיין איינענע האנטשריפט קוים איבערלעזען. ער וועט עס דאָך זיכער נישט קענען לעזען. וואָס וועט דאָ זיין דערפון...

איך האָב אַלע מיינע חושים אָנגעשטרענגט זיך געניי צו דער־מאָנען וואָס ער האָט דערצעהלט. ביז ענדליך די אָנגעשריבענע בלעטלאך, צוזאמען מיט דעם קלאנג פון זיינע ווערטער, וואָס האָבען מיר נאָך געקלונגען אין די אויערן, האָבען מיר געגעבען די מעגליכקייט אויסצופארריכטען די גרייזען און מאכען די האנטשריפט לעזבאר.

ער איז צוריק אריין אין צימער אָן ארומגעוואשענער מיט א האַנטוך אין דער האַנט, און זיך געווישט דעם האַלז, דעם קאָפּ, דאָס פּנים. אָבער נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער האָט זיך געווישט, האָט ער גלייך, אַזוי ווי ער האָט אריבערגעטרעטען די שוועל, ווידער אָנגעהויבען צו דערצעהלען. ער האָט זיך געווישט די אויערן און דערצעהלט, מיט א קעמעל געקעמט די נאַסע האָר און דערצעהלט, און אַזוי דערצעהלענדיג, איז ער אומבאַמערקט פאַרטיג געוואָרען מיט זיין מאָרגען־טואַלעט, און דאָס טעמפּאַ פון זיין דערצעהלען איז ביסלאכווייז געוואָרען געלאַסענער, רוהיגער, ביז ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט און געבליבען שטעהן רוהיג און דערצעהלט. אָבער שוין נישט צו שנעל, אַז מיין פעדער זאָל איהם נישט קענען נאָכקומען. מעסיג, מיט דער זעלבער קרעפטיגקייט אין דער אינטאָנאַציע, נאָר איצט האָט ער פון צייט צו צייט איבערגע׳חזר׳ט ד לעצטע דריי־פיער ווערטער פונ׳ם ארויסגעזאָגטען זאַץ.

איך בין געזעסען די גאַנצע צייט אונטער׳ן איינדרוק, אַז נישט אַנדערש נאָר ער האָט זיין ערצעהלונג דורכגע׳חלומ׳ט די גאַנצע נאַכט, און ער דערצעהלט מיר אצינד איבער זיין חלום.

שטילערהייט איז אריין דעם דיכטער׳ס פרוי און אוועקגעשטעלט נעבען די בלומען א פיינעם קאָלירטען טעלער, אויף וועלכען עס זענען געלעגען מיט א ברייטער האַנט ארויפגעלעגטע ווייניטרויבען, עפּעל, ראָזשינקעס און פּאָמעראַנצען. אוועקגעשטעלט און ארויסגעגאַנגען. ער האָט אליין נעגעסען און מיך אויך איינגעלאַדען צו דער רייצענדער מאָלצייט. אין דער צייט פון עסען די פרוכטען שטעהענדיג, האָט ער געשוויגען. דערנאָך איז ער צוריקגעגאַנגען אין אייגענעם ווינקעל און ווייטער דערצעהלט, דערביי פון צייט צו צייט אָפּגעריסען א וויינטרויב פון שטענגעל און אריינגעלעגט אין מויל.

אומגעפער ארום ניין א זייגער רופט ער זיך אָן, אויף זיין אַרט שטעהענדיג:

— געענדיגט דעם זאַץ?

— יאָ.

און מיט זיין פולען שמייכעל פרעגט ער:

— מיד?

— ניין.

— וועט שוין זיין גענוג פאר היינט, — זאָגט ער און לאכט דערביי — מאָרגען וועלען מיר עס ענדיגען.

— גענוג איז גענוג. — לעג איך אַוועק די פעדער און לאַך אויך.

און ס'בלייבט דער איינדרוק, ווי מיר וואָלטען די גאנצע צייט געשפילט א שפיל און דער געווינער איז ער.

ער געהט צו צום שרייב־טיש, זעצט זיך אויף מיין אָרט און איך שטעה איבער איהם. ער מעקט אוים ווערטער און שרייבט צו אנדערע. מעקט אוים שורות און שרייבט צו אנדערע. נאָר ווען ער קוקט איבער די ערשטע בלעטלאך צולאכט ער זיך און פרעגט:

— אזוי געשווינד האָב איך גערעדט?

— אזוי געשווינד.

— און איהר אליין קענט עס לעזען? — פרעגט ער.

— וואָס פאר א פראגע? אודאי קען איך.

און איך נעם לעזען. ער לאָזט מיך לעזען כסדר, נאָר וואו נישט וואו הייסט ער אויסמעקען א זאַץ אָדער א וואָרט און צו־שרייבען עפּעס אנדערש. די גאנצע אָפּעראַציע נעמט נישט מעהר ווי א צעהן מינוט.

— אצינד קומט, — רופט ער זיך אָן — נאָך דאָ א האַלבע שעה צייט פאַר א שפּאַציר אין זאַקסישען גאָרטען.

מיר געהען ארוים אויף דער גאַס און זענען אין עטליכע מינוט ביים גאָרטען. ווען מיר געהען אריין אין גאָרטען הויבט ער אָן אונטערזינגען. ער גיט א שאַרץ ארויף דעם אַש־גראָהען קאַפּעלוש, קנעפּעלט אויף דאַס רעקעל און לעגט אריין די הענט אין די הויזען־קעשענעס.

עס איז געווען נישט לאַנג נאָכדעם ווי עס איז ערשינען א נייע באַארבעטונג פון „ביינאַכט אויפ'ן אַלטען מאַרק", און אין די ליטעראַרישע קרייזען האָט מען פיעל געלעסטערט געגען דעם ווערק, פאַר דער אומקלאָרקייט פון דער אידעע דערפון. ער האָט דארום פאַרנעלעזען דאַס ווערק עפענטליך, און אויף וויפיעל דער קינסטלער אין איהם האָט איהם ערלויבט זיך אליין אויסצוטייטשען, האָט ער עס קאָמענטירט. די אומצופרידענע זענען אָבער געווען הארטנעקיג, ווי פאַר דער פאָרלעזונג, אזוי נאָך איהר.

ווען מיר געהען אריין אין דער טונקעלער אַלעע רופט ער זיך פּלוצים אָן:

— כ'מיין די פאָרלעזונג שבת אין פּאַסאַזש האָט זיי צופרידענגעשטעלט ? !

— מען פאַרשטעהט די זאַך אַלץ נישט.

— - יא, — נאַראָנים — לעג עס זיי אוים אויף טעלערלאַך. די אידישע געשיכטע אין פּוילען — פאַרשטעהען עס נישט.

מעהר האָט ער וועגען דעם נישט גערעדט ; קיין שום ערקלערונגען נישט געגעבען. מיך געהאַלטען צווישען די „זיי" פון „לעג עס זיי אוים אויף טעלערלאַך". און נאָך די רייד פרעגען קשיות וואָלט געהייסען קריכען אין דער נשמה אריין — האָב איך אויך וועגען דעם מעהר נישט גערעדט.

דער שפּאַציר האָט גענומען ווייניגער ווי א האַלבע שעה. מ'איז נאָך אריין אויף א קורצע ווייל אין א קאפע. דערנאָך האָב איך איהם צוגעפיהרט צו דער גמינע. מיר האָבען זיך אפּגעזעגענט אויפ'ן טאָג און ער איז אריין.

אריין, צום צווייטען מאָל יענעם טאָג צו נעמען די פּעדער אין דער האַנט אריין. נאָר אַן אַנדערע פּעדער.

# אויף די וואַרשעווער גאַסען

געהן פלעגט ער זינגענדיג.

יעדענפאלס, ווען מען האָט געזעהן זיין פנים פון דער ווייטענס, האָט מען געהאַט דעם איינדרוק, אז ער זינגט אָדער אין איהם זינגט. און ווען מען האָט אויסגעדרעהט דעם קאָפּ און איהם נאָכגעקוקט פון הינטען, האָט מען געקענט האָבען דעם איינדרוק, אז ער געהט צום טאַקט פון זיין געזאַנג, און איז פאָרזיכטיג די מוזיקאַלישע רעגלען נישט איבערצוטרעטען.

שטענדיג ריטמיש איז געווען זיין גאַנג. דער טריט איז געווען נישט גרויס, נאָר זיכער, גלייך און האַסטיג. און אזוי רייך איז געווען דער ריטם פון די עטוואָס אונטער־טאַנצענדיגע טריט! וואָס האָט נישט דער ריטם פאַרראַטען? ! — יוגענדליכע פרייד, גייסטיגע געהויבענקייט, נאָכדענקליכקייט און אייזענפעסטען מוזיקאַלישען אינסטינקט.

די פיגור, איבערהויפּט דאָס פנים איז געווען אן אומגעוועהנליכע ערשיינונג אויף די וואַרשעווער גאַסען. אזוי פיעל יוגענדליכע לעבענס־לוסטיגקייט און עמפּפינדליכקייט האָט מען זעלטען ווען געזעהן אראָפּשיינען פון א זעכציג יאָהריג פנים, נישט סקענדיג אויף דעם, וואָס די פאַרפּיהרערישע ליפּען זענען געווען מיט דיקע וואָנסען פאַרהאָנגען, ווי דאָס רויטע צימער אין א פּאַלאַץ — מיט טונקעל־גראָהע גאַרדינען, האָט מען אויף דער נאָס געהענדיג אין זיינע אויגען א קוק געטאָן, האָט מען זיך

געמוזט אויסדרעהען נאָכצוקוקען דעם מענש, וואָס האָט די אויגען פארמאָגט.

מען האָט זיך לאַנג באַדארפט צוקוקען צו'ן איהם אויסצוגעפינען אויף זיין פנים דעם קוצי של יוד. מען האָט שוין באַדארפט אָנקומען צו פיזיאָנאָמישע ראַסען־איינגענטימליכקייטען. די וואָנסען און דער צוג פון זינליכקייט וואָס האָט ארויסגעשמייכעלט פון אונטער דער אונטערשטער ליפ, האָט גיכער פאררראַטען אַ פוילישען פריץ, וואָס האָט איבערגעלאָזט זיין מאַיאָנטעק אויף אַ טאָג־צוויי און געקומען קיין ווארשע הוליען אביסעל מיט אַ באַקאַנטען הראַביע.

די גאַס אויף וועלכער מען האָט איהם באַגעגענט האָט געוואונען אין וויכטיגקייט. ווען איהר זייט נאָכאַמאָל די איינענע גאַס פארביינעגאַנגען האָט איהר געמוזט א טראכט טאָן: „דאָ האָב איך באַגעגענט פריץ'ן". אויף דער טשעפּלע גאַס, ביים געמויערטען פארקאַן איז, דאַכט זיך, דער שמאָלער טראָטואַר ברייטער געוואָרען, ווען פריץ איז דאָרט געגאַנגען.

ווען איהר האָט איהם אין אַ כמורנעם, רעגענדיגען טאָג באַגעגענט, מיט דעם קאַפּעלוש טיעף אראָפּגערוקט, די אויגען פון דעם שטעכעדיגען רעגען צו באַשיצען, האָט זיך אייך אויסגעוויזען, אַז די זון האָט זיך אַ שפּיל געטאָן און איז אויף אַ רגע פון אונטער די וואָלקענס ארויס. איהר האָט עמפּפינדען, אַז עפּעס ליכטיגס האָט זיך פארבייגעטראָגען — פריץ. און דער כמורנער טאָג האָט אייך נישט אזוי כמורנע אויסגעוויזען.

אַזאַ קוואַל פון פרישקייט איז ער געווען פאר אייך אויף דער גאַס פון ווארשע, אַז דער הייסער טאָג איז קיהלער געוואָרען, דער פראָסטיגער — ווארימער, ווען איהר האָט איהם אויף אייער וועג באַגעגענט. ווען און וואו איהר האָט איהם באַגעגענט איז זיין

אָנבליק אימשטאַנד געווען צו ענדערען אייערע געדאַנקען און דערהייבען אייער שטימונג.

אַמ באַגעגענט איהר איהם אין אַ זומערדיגען פאַרנאַכט אין זאַקסישען גאָרטען מיט צוויי יונגע פריינד ביי די זייטען און צוויי־דריי געהען נאָך פון הינטען. ער טראָגט די העלע לייווענ־טענע לאַטשען, דעם ליכטיג־געשטרייפטען אַנצוג ,דעם קאָלנער מיט צוויי שפּיצען אין די בלאָהע זיידענע בינדע מיט ווייסע קראַפּקעס. זיין רעקעל איז אויפגעקנעפּעלט, ער האָט די הענט אין די הויזען־קעשענעס און גריסט שמייכלענדיג צום יונגוואַרג אין אַלע זייטען. ס'איז פרץ אויף זיין פאַרנאַכטיגען שפּאַציר.

בחורים און מיידלאַך האָט עס געצויגען אין יענער שעה אין גאָרטען אריין צו געהן, פּרץ'ן צו באַגעגענען. — ליעב איז די באַגעגעניש געווען.

און אַט איז אַ ווינטערדיגער שבת ביי טאָג, דער שניי ליגט הויך אויף די גאַסען. די וואָס רוהען אום שבת זיצען נערן אין שטוב, נאָר דער זאַל אויף נאָוואָוויניאַרסקע גאַס איז געפּאַקט צו פּרץ'ס לעקציע. און ווען ער געהט נאָך דער לעקציע אויף דער גאַס ארוים, אין דער טונקעל־גראָהער, ווינטערדיגער פּעלערינע מיט דעם ווייכען קאַפּעלוש כמעט פון דעם אייגענעם שטאָף, געהט ער נישט אליין. עטליכע יונגע שריפטשטעלער געהען מיט, און אַפּטמאָל אַ היציגער יונגערמאַן פון פּובליקום, וועלכער האָט זיין דיסקוסיע אין זאַל אָנגעהויבען און געענדיגט זי אַ דריי־פיער גאַסען ווייט פון'ם זאַל.

פון הינטען געהט נאָך יונגוואַרג אין אַ לאַנגער רייהע, גאַס איין, גאַס אוים, אַזוי ווי עס וואָלט זיי אַ שאָד געווען דעם ליעבען אַלטען פון זייער בליק צו פאַרלירען. ערשט ווייט פון'ם זאַל בלייבט ער אליין מיט די עטליכע פריינד, וואָס באַגלייטען איהם ביז אַ היים.

און אזוי ליעב האָט איהם די ווארשעווער נאָס, און אזוי פיעל אפשיי האָט זי פאר איהם, אז לעגענדען ווענען איהם באַ־שאפט זי.

אז ווער עס קען קיין פויליש נישט רעדען ווארפט ער ארויס פון דער גמינע.

אז איינמאָל יום כיפור האָט ער אויף דער טווארדע גאָס באגעגענט א חברה חסידים, און ווען זיי האָבען אָנגעהויבען אויף איהם טייטלען מיט די פינגער, האָט ער אויף להכעים א ציגאר פארדויכערט. און ווען זיי האָבען געשריגען אויף איהם: „משומד!" — איז ער אויף להכעים איינגעזעסען אין א דראָשקע און אוועקגעפאָהרען.

דער ווארשעווער אינטעליגענט האָט איהם ליעב געהאַט. דער ווארשעווער חסיד האָט באדויערט, וואָס אזא „קאָפּ" איז אוועק צו דער סטרה אחרא. דער ווארשעווער אסימילאַטאָר האָט געדענקט ווענען איהם, אז ער האָט די אידישע מאסען אין דער האַנט, און ער האָט דערפאַר מורא געהאַט איהם אָפּצוזאָגען פון זיין שטעל אין דער גמינע. אָפּשיי פאר איהם און זיין נאָמען האָט יעדער געהאַט.

אויף ווארשע א רחמנות!

דעם אידישען אינטעליגענטען מיידעל אָדער בחור, מוזען איצט די ווארשעווער גאסען זיין ווניגער אינטערעסאנט אָהן פּרץ'ן.

## ווען מ'האָט גערעדט מיט איהם

צו פּרײַ'ן, אָדער מיט פּרײַ'ן האָט איהר געמוזט רעדען אנדערש ווי מיט אלע אַנדערע מענשען, מיט וועלכע איהר זענט געקומען אין באריהרונג. אויב אייער נאַטור איז אַזאַ, אַז אין אַ מענשענס אנוועזענהייט קענט איהר לאַנג נישט שווייגען — זיין אנוועזענהייט איז געווען שטאַרקער פון אייער נאַטור.

נישט אלץ וואָס איהר האָט באטראַכט פאַר קלוג צו זאָגען אין אַן אינטעליגענטער געזעלשאַפט, איז אייך אויסגעקומען געווען קלוג צו זאָגען צו'ן איהם. נישט יעדער שאַרפזיניגער געדאַנק, האָט אייך אויסגעוויזען געווען שאַרפזיניג פאַר פּרײַ'ן. איהר האָט געוואוסט, אַז נאָכדעם ווי איהר וועט עפּעס זאָגען צו'ן איהם וועט איהר דאַרפען קענען אויסשטעהן זיין בליק, וועלכער איז תמיד געווען דער משפט איבער אייערע אַרויסגעזאָגטע ווערטער. די גרעסטע פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר אייערע רייד, האָט איהר געפיהלט אין זיין אנוועזענהייט. דערפאַר האָט איהר מעהר ווי געווענליך געוואויגען און געמאָסטען אייערע רייד, איידער איהר האָט גערעדט צו'ן איהם.

י ע ד ע ר, אָהן אויסנאַם, האָט זיך מיט פּרײַ'ן געפיהלט אנדערש ווי געוועהנליך. דער פלאַפּלער האָט געפיהלט, אַז דאָ איז נישט דאָס אָרט פאַר פלאַפּלען און ער האָט זיך געלערענט שטיל־שווייגען. דער פלייסיגער רעדנער, האָט גערעדט לאַנגזאַמער; דער זיכערער רעדנער — איבערלעגטער.

ווענען גרינגע זאַכען האָט ער גערעדט לאַקאָניש. געזאָגט אַ

וואָרט, דאָרט וואו אן אנדערער וואָלט נעזאָגט צעהן, געשטעלט א פראגע וואו אן אנדערער וואָלט געשטעלט דריי. און ווען איהר האָט איהם עפּעס געפרעגט, האָט ער אייך מיט זיין קורצען און ווייט־לויפענדיגען ענטפער פארשפּאָרט א גאנצע רייהע פראגען. און ווען איהר האָט עטליכע מאָל גערעדט מיט איהם, איז אייך זיין מאָדנע בליציגע אַרט רעדען אזוי ליעב געוואָרען און אזוי נאַטיר־ליך, אז עס איז אייך אויסגעקומען קאָמיש איהם צו ענטפערען אויף זיינע פראגען באריכות, אזוי ווי איהר וואָלט יעדען אנדערען גע־ענטפערט. איהר האָט אייף א נאַטירליכען אופן זיך אָנגעשטרענגט צו זיין עקאָנאָמיש אין ווערטער און דאָך איהם געבען בליציגע און ווייט־לויפענדיגע ענטפערס אויף זיינע פראגען, אזוי ווי ער האָט אייך געגעבען.

ער האָט ווייניג גערעדט און זעהר א סך געזאָגט.

— וואָס מאכט איהר אין געזונט, הערר פּרץ?

דארויף האָט ער אייך געקענט ענטפערען:

—כ׳האָב דערהאלטען געלט פונ׳ם רוסישען פארלעגער אין מאָסקווע. כ׳פאָהר קיין אויסלאנד דעם זומער.

א יונגער שריפטשטעלער קומט צו׳ן איהם נאָכפרעגען זיך וועגען זיין ערצעהלונג, וואָס ער האָט ביי איהם געלאָזט. צי ער האָט זי שוין געלייענט, צי געפעלט זי איהם, און צי גיט ער זי אריין אין דעם זאמעלבוך, וואָס דארף באלד ערשיינען אונטער זיין רעדאקציע.

וואָס ענטפערט פּרץ אויף דעם יונגענמאנ׳ס פראגען?

ער נעהט אריין אין צווייטען צימער און קומט באלד צוריק פון דאָרט מיט געלט אין דער האנט. ער דערלאנגט עס דעם שריפטשטעלער און ענטפערט איהם:

— ס׳איז דאָ פאר אייך פופציג רובעל. נאָט אייך שוין פינפ־אונצוואנציג.

צו אָט דער מייסטערהאפטער אַרט פון רעדען און צו דער וואויל־קלינגענדיגער שטימע האָט ער געהאַט אַ וואונדערליכע אי־דישע אויסשפּראַך. פון פּרץ׳ס מויל האָט אידיש געקלונגען ווירק־ליך אַזוי שעהן און פאַרבען־רייך ווי אַ קולטיווירטע אייראָפּעאישע שפּראַך. זיין שפּראַך איז געוועזען אימשטאַנד צו איבערצייגען, אַז אידיש, אָרעם ווי עס איז, איז גענוג רייך נאָכצוקומען אַלע פיינ־סטע שפּראַך־קאַפּריזען פון אַ ראַפינירטער אידישער צונג.

עס איז אָהן צווייפעל די ווירקונג פון דעם פיינעם פּרץ־גייסט, וואָס האָט געמאַכט די וואַרשעווער אידישע יונגעלייט און מיידלאַך צו רעדען אידיש מיט נאַציאָנאַלען שטאָלץ אויף זייערע שפּאַצירגענג אין זאַקסישען גאָרטען און אין די רייכע קאַפּעס אויף מאַרשאַלקאָווסקע גאַס.

ווער נאָך קען זיך מיט אַזאַ ווירקונג אויף דער אידישער יוגענד באַריהמען?

מיט פּרץ׳ן איז אויסער דעם מייסטער פון דער אידישער נאָ־וועלע אויך געשטאָרבען דער מייסטער פון דעם אידישען לעבעדי־גען וואָרט.

פינסקי און מזל דרוקעריי
ניו יארק



פּרץ
אַ ביסעל
זכרונות
פון ד"ר
גרשון לעווין
פערלאג
יהודיה